בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בשלח תשע"ז | גליון 396 [שנה ט']

**עטליכע דיוקים אין פסוק און שיינע מהלך**

וַיֻּגַּד לְמֶלֶךְ מִצְרַיִם כִּי בָרַח הָעָם וַיֵּהָפֵךְ לְבַב פַּרְעֹה וַעֲבָדָיו אֶל־הָעָם וַיֹּאמְרוּ מַה־זֹּאת עָשִׂינוּ כִּי־שִׁלַּחְנוּ אֶת־יִשְׂרָאֵל מֵעָבְדֵנוּ: (יד ה) פרעגן אלע אויף די טענה מַה־זֹּאת עָשִׂינוּ, האבן זיי דען נישט באקומען גענוג פעטש אז זיי ווילן נאך פעטש! און עס שטייט (יב לג) וַתֶּחֱזַק מִצְרַיִם עַל־הָעָם, אז די מצריים האבן געשטופט די אידן, לְמַהֵר לְשַׁלְּחָם מִן־הָאָרֶץ, זאלן שוין שוין גיין? נאך איז שווער וואס מיינט וַיֻּגַּד לְמֶלֶךְ מִצְרַיִם מען האט אים דערציילט! עס שטייט דאך וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה אֶת־הָעָם, ער האט זיי געשיקט? אויך איז שווער וואס איז דער לשון מֵעָבְדֵנוּ, עס וואלט געקענט פשוט שטיין כִּי־שִׁלַּחְנוּ אֶת־יִשְׂרָאֵל? נאר די שטערזעהער'ס האבן דערציילט פרעה אז די אידן זענען ארויס פארן צייט צו 210 יאר אנשטאט 400 יאר, דאס מיינט "וַיֻּגַּד", און אויך האבן זיי מְגַלֶּה געווען אז די אידן וועלן מוזן משלים זיין די 190 יאר, דורך גיין אין אנדערע גלות'ן, און דאס איז די רמז כִּי "בָרַח" הָעָם, וואס "בָרַח" איז בגימט' 210, און ווייל זיי האבן זיך דערוואוסט אז די אידן וועלן סיי ווי מוזן משלים זיין די 190 יאר, אויב אזוי וואלטן זיי בעסער געדארפט ארבעטן פאר זיי, דאס מיינט מֵעָבְדֵנוּ, פאר אונז. (צמח דוד דינוב)

**מעג מען איבערלאזן די מָן אויף זונטאג?**

וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אִכְלֻהוּ הַיּוֹם כִּי־שַׁבָּת הַיּוֹם לַה', הַיּוֹם לֹא תִמְצָאֻהוּ בַּשָּׂדֶה:(טז כה) לכאורה איז שווער פארוואס דארף שטיין אִכְלֻהוּ "הַיּוֹם", עס וואלט געקענט שטיין אִכְלֻהוּ כִּי שַׁבָּת הַיּוֹם לַה'? נאר דער שו"ת חֶדְוַת יַעֲקֹב להגאון ר' הערש מייזליש אב"ד לאסק ברענגט א שאלה פון הייליגן שפת אמת מגור: וואס איז די דין פון די מָן וואס איז געפאלן ערב שבת לכבוד שבת, צו מען מעג דאס איבערלאזן ביז זונטאג, אדער עס האט די זעלבע איסור פון אִישׁ אַל־יוֹתֵר מִמֶּנּוּ עַד־בֹּקֶר? און די צַד אז מען זאל דאס מעגן איבערלאזן, ווייל מיר האבן א כלל דָּבָר שֶׁהוּתַּר מִכְּלָלוֹ הוּתַּר כּוּלוֹ, ממילא וויבאלד די מָן וואס איז געפאלן ערב שבת איז הוּתַּר מִכְּלָלוֹ, ווייל מען מעג דאס האלטן אויף מארגן שבת, זאל שוין אויך זיין מותר צו איבערלאזן אויף זונטאג! און דער שפת אמת זאגט אז די סברא זאגט אז עס איז אסור איבערלאזן אויף זונטאג. וואלט מען געקענט ענטפערן אז דערפאר שטייט אין פסוק אִכְלֻהוּ "הַיּוֹם", וואס איז לכאורה איבעריג, און דאס קומט צו זאגן אז אִכְלֻהוּ "הַיּוֹם" דוקא פאר שבת איז דאס מותר צו איבערלאזן, אבער מוזט דאס היינט שבת עסן, און נישט איבערלאזן. (מקרא מפורש. הגאון ר' יצחק יהודה טרונק)

**שייכות פסח צו תשעה באב**

הַיּוֹם אַ'תֶּם יֹ'צְאִים בְּ'חֹדֶשׁ הָ'אָבִיב: (יג ד) עס איז דא א סימן: א"ת ב"ש ג"ר: יום א' של פסח וועט יענע טאג זיין ת'שעה באב, און ב"ש יום ב' של פסח איז דעם טאג פון שבועות, ג"ר, יום ג' וועט זיין ר"ה, און די ר"ת פון פסוק איז איב"ה, וואס איז די ר"ת פון אֵ'יכָה יָ'שְׁבָה בָ'דָד הָ'עִיר (איכה א א), וואס דאס איז מרומז אויף תשעה באב, און הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ, איז מרומז אויפן ערשטן טאג פסח. אויך שטייט (במדבר יד לב) וּפִגְרֵיכֶם אַ'תֶּם יִ'פְּלוּ בַּ'מִּדְבָּר הַ'זֶּה: וואס איז אויך די ר"ת איב"ה, און דאס איז געווען די עונש פון די מרגלים, וואס די גמ' (תענית דף כ"ט.) זאגט אז צוליב זיי איז חרוב געווארן די בית המקדש, און איב"ה איז מרומז אויף תשעה באב כנ"ל. (ספר כסא רחמים, חכם כהן אב"ד ג'רבא) לויט די הקדמה קען מען מרמז זיין נאך א ענין פון די ר"ת איב"ה, ווייל איב"ה איז דאך שנאה וואס דאס האלט אפ די גאולה, אבער ווען כלל ישראל וועלן ווערן באחדות, כאיש אחד בלב אחד, וועט מען שוין היינט אויס געלייזט ווערן, דאס שטייט הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב, היינט וועט מען ארויסגיין פון גלות, אויב די איב"ה וואס איז מרומז אין די ר"ת וועט ווערן אויס. (שמח זבולון תשע"ז)

**שיינע דרוש צו פארענטפערן א שווערע רש"י**

וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם שָׁם שָׂם לוֹ חֹק וּמִשְׁפָּט: (שמות ט"ו כ"ה) זאגט רש"י ד"ה שָׁם שָׂם לוֹ: וז"ל במרה נתן להם מקצת פרשיות של תורה שיתעסקו בהם, שבת ופרה אדומה ודינין: פרעגן די מפרשים אז די גמ' (סנהדרין נו ע"ב) שטייט "עשר מצות נצטוו ישראל בְּמָרָה, שבע שקיבלו עליהן בני נח והוסיפו עליהן "דינין ושבת וכיבוד **אב ואם**". אויב אזוי ווי זאגט רש"י אז מען האט געגעבן אין מָרָה די מצוה פון פרה אדומה ווען די גמ' זאגט מען האט געגעבן כיבוד אב ואם? איז דא ספרים וואס שרייבן אז עס איז געשטאנען אין כת"י כ"א, וואס מיינט כיבוד אב, און דער וואס האט מעתיק געווען האט געמיינט אז עס שטייט פ"א און דאס געטייטשט אלץ פרה אדומה, אבער עס איז שווער דאס צו זאגן ווייל רש"י אליין זאגט (שמות כ"ד ג) ד"ה ואת כל המשפטים: שבע מצות שנצטוו בני נח. ושבת וכבוד אב ואם ופרה אדומה ודינין שניתנו להם "במרה": שטייט דא סיי פרה אדומה און סיי כבוד אב ואם! און ווייטער איז שווער אז אין מס' (גיטין דף ס:) שטייט אמר רבי לוי שְׁמֹנֶה פרשיות נאמרו ביום שהוקם בו המשכן: 1 פרשת כהנים, 2 ופרשת לוים, 3 ופרשת טמאים, 4 ופרשת שילוח טמאים, 5 ופרשת אחרי מות, 6 ופרשת שתויי יין, 7 ופרשת נרות, 8 ופרשת פרה אדומה, זעט מען אז פרשת פרה אדומה איז געזאגט געווארן נאר ביום הוקם המשכן וואס איז ערשט בשנה השנית לצאתם מארץ מצרים, אבער כבוד אב ואם שטייט כאשר צִוְּךָ וואס איז געווען אין מרה וצ"ע. אויך אין מכילתא שטייט חֹק וּמִשְׁפָּט, שבת, ומשפט–דינין– וכיבוד אב ואם, און נישט פרה אדומה? יעצט תוס' (סנהדרין הנ"ל) פרעגט פארוואס רעכנט נישט די גמ' מצוות מילה פון אברהם און גיד הנשה פון יעקב אלעס פאר מתן תורה? און אינטרעסאנט לויט דעם תוס' איז גוט וואס עס שטייט אין (ילקוט שמעוני שמות רמז רנ"ו) וז"ל שָׁם שָׂם לוֹ חֹק וּמִשְׁפָּט, שם ניתן לישראל אחד עשר מצות: שבע שנצטוו בני נח, ואברהם על המילה, ויעקב על גיד הנשה, הוסיפו לישראל שבת וכיבוד אב ואם עכ"ל, דא רעכנט ער אויס מילה און גיד הנשה, אבער אנשטאט עשר ווי עס שטייט אין די גמ', זאגט ער אחד עשר, און פרה אדומה שטייט נישט! יעצט די קשיא פון די גמ' גיטין הנ"ל אז די ציווי פון פרה אדומה איז ערשט געווען נאר בשנה השנית? קען מען ענטפערן לויט וואס שטייט אין ספר אמרי שמאי להגאון ר' שמאי גינזבורג (במדבר ט' א' ב') אויפן פסוק בְּמוֹעֲדוֹ: איז ער מחדש אז הגם די ציווי פון קרבן פסח שטייט בַשָּׁנָה הַשֵּׁנִית לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לֵאמֹר, פונדעסטוועגן די ציווי לדורות איז געזאגט געווארן אין מצרים, וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַדָּבָר הַזֶּה לְחָק לְךָ וּלְבָנֶיךָ עַד עוֹלָם: (שמות י"ב כ"ד) ממילא קען מען זאגן אז אפילו די פרשת פרה אדומה שטייט בשנה השנית, אבער דער ציווי לדורות איז געווען אין מרה, איז דברי רש"י גוט מיטן ציווי פון נפרה אדומה במרה. (שמח זבולון תשע"ז)

# מדור העובדות

# דער צדיק שיקט צוויי וואלף צו ראטעווען א קינד

הרה"ק ר' מנחם נחום משטעפענעש, Stefeneshti, (נפטר י"ד בכסלו תרכ"ט) דער זון פון הייליגן ר' ישראל מרוזין זי"ע, איז געווען באוואוסט צו זיין א בעל מופת און אמאל פלעגט ער טאן זאכן צו בייטן די סדר פון די בריאה כדי אריינברענגען אמונה פשוטה ביי די אידן וואס האבן דארטן געוואוינט. שטעפענעשט איז געווען אין רומעניא וואו די תמימות פון די אידן איז געווען גאר גרויס, אבער אמונת צדיקים האבן זיי יא געהאט. זיין זון רבי אברהם מתתיהו (געבארן ערשטן טאג חנוכה כ"ה כסלו תר"ז- כ"א תמוז תרצ"ג) איז אויך אזוי געווען און האט אוועק געשטעלט תלמידים וואס האבן באלויכטן די וועלט ווי דער הייליגע סקולענער רבי ר' אליעזר זוסיא זצוק"ל און די אלעמען באקאנטע ריבניצער רבי הרה"ק ר' חיים זאנוויל בן משה זצוק"ל, און נאך.

איינמאל איז געקומען צו אים א דארפ'ס איד און זיך אויס געוויינט אז ער האט נישט קיין קינדער און דער רבי זאל אים אנווינטשן, און דער רבי קוקט אין זיין קוויטל און ווינטש אים אן אז ער זאל מצליח זיין אין זיינע געשעפטן און ווערן רייך, דער איד איז געווארען מלא שמחה און קומט אהיים און דערציילט זיין ווייב אז זיי זענען שוין געהאלפן! פרעגט אים די ווייב וואס איז געווען די ברכה? האט ער געענטפערט אז דער רבי האט אים אנגעוואונטשן מיט עשירות. די ווייב איז געווען תמימיש און האט זיך געפריידט און געזאגט דער רבי ווייסט וואס אונז דארפן און עס וועט זיין גוט. דער איד האט טאקע געהאנדלט און וואס ער האט געטאן איז געווען א ברכה אין דעם און מיט די צייט איז ער געווארן זייער רייך. אבער די יארן האבן זיך גערוקט און קיין קינדער האבן זיי נאך נישט געהאט און די מאן און ווייב האבן שוין יעצט געהאט א שיינעם פארמעגן, האבן זיי אפגערעט צווישן זיך אז יעצט וועלן זיי פארן צום רבין און אים געבן א שיינע פדיון און דער רבי וועט אונז שוין בענטשן מיט א קינד. אומר ועושה, זיי פארן צום רבין און גיסן אויס זייער הארץ אז יעצט האבן זיי שוין אסאך געלט, אבער וואס וועט זיין מיט קינדער? און ביידע נעמען זיך וויינען.

דער רבי האט גענומען זייער קוויטל און פדיון און קוקט אים דעם און האט גענומען טראכטן און פארטיפט זיך און שוועבט אין א אנדערע עולם. זיי ווערן דערשראקן פון דעם מחזה, ווען דער רבי קומט צו זיך מיט א שמייכל און זאגט איך האט געפועלט פאר אייך א בן זכר, און האט זיי אנגעוואונטשן. די פאר פאלק האבן שטארק געדאנקט דעם רבין און אהיים געפארן. צדיק גוזר און דער אויבערשטער האט זיי געשענקט א בן זכר. די שמחה איז געווען גרויס, מען האט געפראוועט א סעודת ברית מילה כיד המלך, ברוב עם, און די שמחה איז געווען ביי אלעמען. פארשטייט זיך אז מען האט מפרסם געווען די ברכת צדיק און געשטארקט די שטאטסלייט מיט אמונה בה' ובצדיקים. דער טאטע האט געפילט אז ער דארף פארן צום הייליגן צדיק און אים מבשר זיין די גוטע בשורה און אים מהנה זיין. די שמחה ביי זיין ווייב איז אויך געווען גרויס און זי האט געזאגט זי וויל אויך מיטפארן און נעמען דאס קינד אז דער רבי זאל אים אנווינטשן. דעמאלטס איז שוין געווען ווינטער און שווערע קעלט מיט שניי און דער מאן האט נישט געוואלט מען זאל איינשטעלן אזא נסיעה מיט אזא יונג קינד, אבער זי האט זיך גע'עקשנט און געזאגט מיר וועלן נעמען אווארעמע וואגן און גוט צו דעקן דער קינד און אלעם וועט זיין גוט.

מען פארט דורך א וואלד און די ווענן זענען פול מיט שניי, און די וואגן אפילו א גוטע, טאנטצט ארויף און אראפ. ווען אינמיטן וועג גייט די מאמע זען וואס מאכט איר קינד און זי שרייט "די קינד איז נישטא"! און דער מאן זאגט אז מן הסתם איז דער קינד ארויסגעפאלן ווען די וואגן איז ארויף אויף הויכע שניי, אבער יעצט איז נישט דער צייט צו טענה'ן, מען דארף גיין זוכן דער קינד, זיי ווערן דערשראקן ווייל אויב אזא יונגע קינד איז אריינגעפאלן אין די שניי, ער קען חלילה!!

און זיי האבן גענומען וויינען און בעטן דער אויבערשטען זאל היטן דאס קינד ביז זיי טרעפן אים, און זיי הייסן די בעל עגלה צוריקגיין אין די זעלבע וועג וואס ער איז געקומען, און זיי קוקן אין יעדן ווינקל ווען עס ווערט זיי שלעכט! זייער קינד ליגט אין א גרוב פון שניי און העכער אים שטיין צוויי ווילדע וואלף! די עלטערן האבן זיך שוין מייאש געווען אויף זייער קינד. אבער ער מיטן בעל עגלה זענען געגאנגען נענטער מיט געוויער און זיי זעען אזאך וואס איז נישט געווען בדרך הטבע! דער קינד ליגט אין גרוב א לעבעדיגער, און די צוויי וואלף שטיין איבער אים און בלאזן אריין ווארעמע לופט צו האלטן דאס קינד ווארעם! ווען די וואלף האבן געזען די מענטשן, זענען זיי רוהיג אוועק געגאנגען און פארשוואונדן געווארן אין וואלד. דער טאטע האט גענומען דעם קינד און געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן. זיי האבן שוין גוט אכטונג געגעבן אויפן קינד און זענען ב"ה אנגעקומען קיין שטעפענעשט.

זיי זענען גלייך צו געפארן צום רבין'ס הויז און ווען דער רבי עפענט די טיר נאך איידער זיי האבן געקענט זאגן א ווארט צו דערציילן וואס איז געשען און דאנקען דעם רבין פארן קינד, האט דער רבי אנגעהויבן און פרעגט: וואס זאגט איר אויף די וואלף וואס איך האב געשיקט? און דער רבי און זיי בלייבן שטיל!! דא האבן זיי געזען די רוח הקודש פון רבין וואס האט געשיקט די וואלף און משנה געווען די טבע צו ראטעווען א קינד. דער רבי האט נאכדעם געזאגט פאר די עלטערן אז איך האב אייך צו געזאגט א קינד האבן איך גענומען אחריות אויף אים זיע"א. צדיקים האבן א כח צו משנה זיין די טבע!


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

*מיר האבן אסאך ספרים מיט חתימות פון אידן פארן קריג, שיקט אריין די נעמען פון אייער קרובים און מיר קענען טרעפן זייער נעמען אין די ספרים, תהלים נדפס בסלאוויטא חסר רק ד' דפים יש שער במעמדות $13000, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, אוסף של ספרים שנדפסו בשנגהי $4000, תשובה בכת"י פון ערבי נחל, א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן וואר עם וועט העלפן $22000, א חיבור פון בעל נתיבות זיין ספר נחלת יעקב מיט הוספות, ספר כרתי ופלתי מיט חתימת הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן. א אוסף פון ערשטער דרוק ספרים פון רבינו יואל מסאטמאר, א בריוו פון הייליגן חכם צבי, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יער אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל $32000, ספר אוצר הרבנים 1000 יאר פון רבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע מנהיג ברעסלאוו, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. מגן אברהם טריסק דפוס ראשון עם הברכה מצב מפואר $3500, מגן דוד דפוס ראשון זיטאמיר מצב נהדר $3200, ברכת דוד טאלנא דפוס זיטאמיר $1500, מענה לשון דפוס זיטאמיר, כת"י פון באבא סאלי. אוסף פון ערשטע דרוק ספרי המנחת אלעזר $3500, ספר עם חתימת הרה"ק ר' צבי הירש מרימינוב, לחם שמים מהיעבץ דפו"ר עם הגהות מהר"ם יפה, צו פארקויפן 10 מטבעות לזכרו פון חת"ם סופר פאר $4000 1 מטבע $500, ספר מלכות אדמור"י טשערנאביל $200, רק שני עותקים, ספרי נגינה וואס האבן באלאנגט צו החזן הרה"ח ר' בן ציון שענקער ז"ל, $2000 א תהלים וואס דער משגיח הגה"צ ר' משה וואלפסון שליט"א האט אים געגעבן אלץ בחור $1000, ספר מים חיים עם כמה חתימות ר' עקקיבא איגר והגה"ה שלא נדפס עוד, כל הקודם זוכה

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or**
מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת **pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***